NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13183

VI MIKHAS HOT ZIKH

Buzi Olevski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. קוויטקאָ

ווי מיכאס האָט זיכ אויסגעבאָדנ

מעלוכע־פארלאג „דער עמעס“, מאָסקווע 1940

R. Čarnio vardu biblioteka ir skaitykla
ביבליאטעק און לייענזאל א. נ. פון ר. טשארני

Jewish Cultural Reconstruction

ל. קוויטקאָ

ווי מיכאס האָט זיכ אויסגעבאָדנ



מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1940

Л. КВИТКО
Как Михась искупался
Рис. художника Г. Ингера
★
Редактор *А. Фрумкин*
Техредактор *М. Погостер*
Корректор *М. Кацап*
★
Сдано в набор 13/III-1940 г. Подписано к печати 8/VII-1940 г. Ф. б. 50X66 1/16. 5/8 п. л. 0,8 учетн. изд. л. Уполн. Главлита РСФСР А-29595 „Дер Эмес" № 416. Тираж 7500
Зак. 2268.

17-я ф-ка нап. книги ОГИЗ'а РСФСР треста „Полиграфкнига", Москва, Шлюзовая наб., 10.

באַם פֿאָרעץ אַפֿן פּי־הויף,
אין צעפֿוילטן קאַמער,
בײַ דעם קינדס געלעגער
פֿרײט זיך טאַטע־מאַמע.

קוים די נאַכט געפּאַטערט,
קוים צום טאָג דערצויגן.
ענדלעך האָט מיכאַסיק
אופֿגעמאַכט די אויגן.

בלויע, פֿול מיט כידעש,
טיפֿע ווי דער ברונעם —
גלײַך פֿון ווײַט געקומען,
קוים די היים געפֿונען.

טאַטע־מאַמע קוקן
פֿרײדיקע זיך איבער:
זײער זון דער ליבער
איז די קרענק אַריבער!

גייענטעג, אלץ שטארקער,
מונטערער אלץ ווערט ער.
און די היימ—זי עסט ניט,
נאָר דעמ זונ דערנערט. מענ.

און דער ליבער פרילינג—
פריידנ פאר אימ שאפט ער.
זיצט דאָס קינד אפ זונ־זייט,
קוקט אזא פארגאפטער:

ווי די פייגל פליענ,
ווי דאָס קוואקענ הערט זיך!
הויפ און סאָד און טייכלעך,
ערד און הימל קערט זיך.

און אינ פאָרעצס זאלנ
שפילט די פאנע פיאנע—
און דאָס יינגל בלענדט עס,
טראָגט עס אָפ פונדאנענ.

מיט דעמ פרילינגס שטראָמענ
קישעפ־קראפט דערפילט ער,
און אליינ פארקישעפט
אפ א פייפל שפילט ער.

אוי, א בעריע איז ער
לידער אויסצולייגנ,
פאסטעכער מעווינימ
זאָגנ: „גרויסע וועגנ...

און א גרויסער שפּילער
איז באשערט אימ ווערנ!"
שאָקלענ מיט די קעפּ צו
די באטראקעס שווערע.

וואָס די פּאנע אפ דער פּיאנע —
שפּילט מיכאס אינ פּײַפל,
אינעמ קליינעמ פּײַפל
זיצט א כוואט א טײַוול.

און די טאטע־מאמע,
די באטראקעס שווערע,
קוועטשנ אָפּ מיט דלאָניעס
א פּאָר נאכעס־טרערנ.

№
Читальня и библиотека
имени Р. Черного

* * *

ליב האָט טאטע־מאמע
שטארק דעם זון דעם קלײנעם,
זאָגן זײ אים צו אלץ
א קלארנעט א שײנעם.

זאָגן זײ אים צו אלץ
קויפן אמאָל שיכלעך,
בלײַענע סאָלדאטלעך,
שפּיל־מאָטאָרלעך, ביכלעך.

ווען ט'וועט אכט אים ווערן,
וועט מען אלץ באשטײן,
נאָר דער זון מיכאסיק
אין דער שול זאָל גײן.

זײער זון מיכאסיק
אין דער שול וועט גײן!
ווארט און זיפצט מיכאסיק:
זאָל דאָס שוין געשען!

קוים מיכאס דערלעבט זיך,
קוים די שאָ דערצויגן.
ס׳ערשטע מאָל — ווי גליקלעך
לויכטן זייַנע אויגן!

זעט דעם פּאַנס פּריקאַשטשיק,
ווי סע שפּרינגט מיכאַסיק,
האָט ער גלייַך באַפוילן
די טשערעדע צו פּאַסען.

פּריצישע בעהיימעס
אַפּ דער פּאַשע טרייַבן.
ווו זשע איז די שקאָלע,
ס׳לייענען און דאָס שרייַבן?

אַפּ דעם פּאָרעצס פּאַשע
שטייט ער שטאַרק צעטראָגן,
און זייַן בליק דער קלאָרער
בעט, מע זאָל אים זאָגן:

„וואָס זשע טויג דאָס נאַרן,
וואָס אַזוי מע נאַרט אים?״
טאַטע־מאַמע שווייַגן,
שווייַגן, כאָטש סע אַרט זיי.

טאטע־מאמע שוויַיגן,
מע באהאלט דאָס פּאָנעם —
זייער בעסטן ווילן
לאכן אויס די סאָנים.

און דאָס צוגעזאָגטע
איז קיין קאפּ באוואָרנט:
האָבן האָט דער פּאָרעץ —
כלאָפּעס האָבן גאָרניט.

* * *

ליגט דאָס גראָז געפאלן,
און די זון טוט בראָטן.
די בעהיימעס זוכן
איינס באַם צווייטן שאָטן.

נאָר ניטאָ קיין שאָטן,
כוץ אין טאָל דאָרט, צווישן
פעלד און טײַך. סע ציט דאָרט
מיט א צי א פרישן.

קיינער איז ניטאָ דאָ,
ס׳וואסער — ווי סע בעט זיך:
„קום ארײַן, מיכאסיק,
קיל זיך און דערפריי זיך".

טוט זיך אויס מיכאסיק
און א פײַפ טוט מונטער.
קוקט אפ די בעהיימעס,
לויפט און טונקט זיך אונטער.

און ניטאָ מיכאסיק.
ס'וואסער — לויטער שפּיגל,
נאָר די וואסער־פליגנ
רירנ עס מיט פליגל.

אָט צוויי בולבעס לויפנ,
און מיכאס באַווייַזט זיך,
קוקט אפ די בעהיימעס,
שווימט און ווייַטער רייַסט זיך.

שווימט, און שוינ א מידער
אפ צוריק פארדרייט ער.
פּלוצעמ — און דעמ פּאַרעצ
אפנ ברעג דערזעט ער.

שטייט און דרייט א וואָנצע,
קוקנדיק צומ פאסטעכ.
אפנ הויפ־פּריקאשטשיק
בייזערט זיך און קאסט זיך.

און מיכאסיק קוימ שוינ
האלט זיך אפנ רוקנ.
צו דעמ ברעג צו שווימענ
שרעקט ער זיך מעסוקנ.

דאָ האָט דער פּריקאשטשיק
מיט די הענט צעפּאָכעט:
— באַלד ארויס פון וואסער
זאָל זיך כלאָפּסקער באָכער! —

קוים איז נאָר מיכאסיק
צו דעם ברעג געקומען,
האָט אים דער פּריקאשטשיק
אין די הענט גענומען:

— אינעם פּרוד דעם פּאָרעצס
וועסטו זיך גאָר באָדן! —
אונדזער הער דעם פּאָרעץ
וועסטו אָנטאָן שאָדן? —

— שמייסן! — איז דער פּאָרעץ
שטארק אריין אין צאָרן. —
מישפּעטן! די כלאָפּעס
זײַנען גראָב געוואָרן!.. —

מ'האָט פארשלעפּט דאָס ייִנגל,
האָר אונ הויט געריסן,
הענט אונ פיס געבראָכן
אונ צום טויט פארשמיסן.

גייט דאַן דער פּריקאַשטשיק,
קומט דעם פאָטער זאָגן:
— גיב דעם זון פאַרנעמען,
שטיל דעם זון באַגראָבן. —

ווי ס׳האָט טאַטע־מאַמע
זייער זון דערזען,
האָט מען אויפגעהויבן
ביטערע געשרייען.

— אוי, געטייט מיבאַסן,
ווי אונדז מיט די צאָרעס. —
זאָג, פאַרוואָס דערהאַרגעט,
אוי, דו פאַן, דו פּאָרעץ? —

„דאָס געזעץ די כלאָפּעס
זאָלן פאַרגעדענקען,
קיינעם וועט דער פּאָרעץ,
וואָס אים קומט, ניט שענקען.

זאָלן כלאָפּעס לערנען
ווי דעם פּאַן טאָן שאָדן. —
זאָלן זיך קיין שלעפּער
אין מײַן פרוד ניט באָדן!

הײַנט מײַן פּרוד באַגערט מען,
מאָרגן מײַנע גיטער —
אונדזער רעכט באַדאַרף מען
אײַנבערענען מיט ריטער".

ס'האָט דאָס דאָרף געררודערט,
ס'איז דאָס דאָרף געגאַנגען
מיט די העק און שטעקנס
אים, דעם פּאַן, דערלאַנגען.

האָבן די פּאָלקאָווניקעס
צוגעשיקט אים שיסער,
און געשיצט דעם פּאָרעץ,
און דאָס דאָרף געשמיסן.

אוי, דו פּאַן, דו פּאָרעץ,
שליאַכטיטשעס איר פּעטע,
גיך די צײַט װעט קומען,
און באַצאָלן װעט איר,

װײַל דאָס פּאָלק איר פּײַניקט,
רויבט און טוט עס פּרעסן.
און דאָס קינד פאַרפּײַניקטס
װעט מען ניט פאַרגעסן.

איז דער טאָג געקומען,
סטאלין האָט באפוילן:
„גייט באפרייַט די ברידער
פון דעם פאנסקע פוילן!"

איז דער סאָפ געקומען
צו דעם פּיַין און וויי!..
זאָל אונדז לעבן סטאלין
און די רויטארמיי!

אייביק דיך, מיכאסיק,
וועלן מיר געדענקען,
און די סאָנים דייַנע
קיינמאָל דאָס ניט שענקען!



Цена 60 коп

[illegible]

КАК МИХАСЬ ПОКУПАЛСЯ